# א מעשה'לע

גליון ח'

פרשת אמור תשפ"ו

וועכענטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער

## נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵויטְן

אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי וַואסֶער, אוֹיךְ אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, אֶפְשָׁר וֶועט דִי וַואסֶער אוּנְז פַארְשְׁוֶועמֶען, אֶפְשָׁר נָאר דֶער רֶבִּי וָואס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, עֶר דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן; דִי תַּלְמִידִים פְרֶעגְן דֶעם צַדִיק: "רֶבִּי, מִיר מֶעגְן אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֵיין אִין וַואסֶער?"

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיסְלֵייזְן אַ אִיד פוּן דִי רוֹימֶער, עֶר הָאט אַיינְגֶעשְׁפַּאנט זַיין אֵייזְל אוּן גֶעפָּארְן אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים.

אוֹיפְן וֶועג שְׁמוּעֶסְט דֶער צַדִיק מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, עֶר דֶערְצֵיילְט זֵיי פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער'ס וואוּנְדֶער, מֶען זֶעט דִי שֵׁיינֶע בֶּערְג אוּן דִי שֵׁיינֶע טָאלְן, דִי שֵׁיינֶע זוּן מִיט דִי וָואלְקֶענֶעס.

זֵיי פָארְן בִּיז זֵיי קוּמֶען אָן צוּ אַ טַייךְ, נִישְׁטָא קַיין בְּרִיק, נִישְׁטָא קַיין שִׁיפְן,



רֶבִּי, מִיר מֶעגְן אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֵיין דִי וַואסֶער?

דֶער צַדִיק פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, דֶער צַדִיק בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, מַאךְ אַ נֵס אַז דִי טַייךְ זָאל זִיךְ שְׁפַּאלְטְן, אִיךְ זָאל קֶענֶען רַאטֶעוֶועןְ דֶעם אִיד פוּן תְּפִיסָה״.**

דֶער צַדִיק רוּפְט זִיךְ אָן צוּם טַייךְ: ״טַייךְ, טַייךְ, אִיךְ בִּין גוֹזֵר אוֹיף דִיר דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁפַּאלְטְן״, דִי טַייךְ מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג, זִי גִיסְט אִירֶע וַואסֶערְן וַוייטֶער אַזוֹי ווִי עֶס וָואלְט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט, בִּיז דֶער צַדִיק זָאגְט: ״אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט שְׁפַּאלְטְן וֶועל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְטְרוּקֶענֶען, עֶס וֶועט וֶוערְן אוֹיס טַייךְ״.

אַלֶע תַּלְמִידִים קוּקְן מִיט ווּאוּנְדֶער אוּן זֵיי זֶעעֶן ווִי דִי טַייךְ שְׁפַּאלְט זִיךְ, דֶער צַדִיק גֵייט אַרַיין אִינְמִיטְן פוּן דִי וַואסֶער, אָבֶּער דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן מוֹרָא, אֵיינֶער רוּפְט זִיךְ אָן צוּם אַנְדֶערְן: ״אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי וַואסֶער״, ״אוֹיךְ אִיךְ הָאבּ מוֹרָא״, ״אֶפְשָׁר וֶועט דִי וַואסֶער אוּנְז פַארְשְׁוֶועמֶען, אֶפְשָׁר נָאר דֶער רֶבִּי וָואס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, עֶר דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן״, דִי תַּלְמִידִים פְרֶעגְן דֶעם צַדִיק: ״רֶבִּי מִיר מֶעגְן אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֵיין אִין וַואסֶער?״

דֶער צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר דְרֵייט זִיךְ אוֹיס צוּ זֵיי אוּן זָאגְט זֵיי דִי ווערְטֶער: ״דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט דִי חֲבֵרִים, דִי דַארְפְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, דִי קֶענֶען מִיט מִיר אַרַיינְקוּמֶען אִין דִי וַואסֶער, אָבֶּער דִי תַּלְמִידִים וָואס טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע - דִי זָאלְן בֶּעסֶער נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין וַואסֶער, וַוייל דִי וַואסֶער וֶועט זֵיי פַארְשְׁוֶועמֶען״.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן אַ צְוֵוייטְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען קֵיינֶעם, אוּן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וֶוערְן פוּן מִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט, אֲפִילוּ אוּמְווִילְנְדִיג, אָמֵן סֶלָה״.**

צו הערן די מעשה פארצייילט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א - 212.444.9191 1-5-2-1

# ספר המידות

## בָנִים - חלק א'

סג. דְּרִיכַת הַקֶּשֶׁת בְּלַ"ג בָּעֹמֶר הִוא סְגֻלָּה לְבָנִים. גַּם הַתְּפִלָּה שֶׁמִּתְפַּלְּלִין לִפְנֵי הָעַמּוּד בִּנְגִינָה הִיא סְגֻלָּה לְבָנִים.

סג. שִׁיסְן מִיט אַ פַּייל אוּן בּוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר, אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער.
אוֹיךְ צוּ דַאוֶונֶען פַארְ'ן עָמוּד מִיט זִינְגֶען, אִיז אוֹיךְ אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער.




קול ברסלב

212.444.9191
845.351.0910

צו באקומען דעם גליון רופט קרן הדפסה היכל הקודש: 718.387.2691